STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02612

IN KAMF FAR YIDISH

Committee for Rights of Yiddish in

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון דעם ביכער אוצר
פון
יעקב בן רבקה לעווין

אין קאַמף פאַר ייִדיש

מאַטעריאַלן און דעקלאַראַציע

פ ו נ ע ם

„קאָמיטעט פאַר די רעכט פון ייִדיש אין ישראל"

ניו יאָרק, 1952

Committee for Rights of Yiddish in Israel
41-42 42nd Street -:- Long Island City, N. Y.

341

***

די דאָזיקע בראָשור ווערט אַרויסגעגעבן פון דעם „קאָמי־טעט פאַר די רעכט פון יידיש אין ישראל".

דער צוועק פון דעם איז: צו באַריכטן צו דער עפנטלעכ־קייט וואָס דער קאָמיטעט שטעלט מיט זיך פאָר, וואָס ער טוט און וואָס ער פּלאַנט צו טאָן. צוזאַמען מיט אונדזער באַריכט ווערט אין דער בראָשור אַריינגעגעבן די דעקלאַראַציע, וואָס איז ווי אַ פּראָגראַם־ליניע, אָנגענומען געוואָרן ביי צוויי גרויסע פאַרזאַמלונגען, וואָס דער קאָמיטעט האָט געהאַט צונויפגערופן.

דער „קאָמיטעט פאַר די רעכט פון יידיש אין ישראל" איז צונויפגעשטעלט פון יחידים. ס'איז ניט קיין פּאַרטיי־קערפּער־שאַפט. יעדער איינער ווער ס'איז טייער די חשיבות פון דער יידישער שפּראַך, יעדער איינער וואָס האַלט טייער די גרויסע ירושה פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום; יעדער איינער וואָס איז נשמהדיק צונויפגעבונדן מיט דער גרויסער יידישער ליטעראַטור און וואָס שטעלט זיך קעגן רדיפות אויף דער יידישער שפּראַך, קעגן איר דערנידערונג, קעגן דער אונטערגראָבונג פון די יידיש־צענטערן איבער גאָר דער וועלט, — יעדער איינער פון אָט די דאָזיקע פּריינט דאַרף און קען זיך אָנשליסן אָן אונזער „יידיש־קאָמיטעט".

דער קאָמיטעט, וואָס האָט אין אויג דעם גורל פון יידיש אומעטום, שטעלט דעם טראָפּ אויף מדינת ישראל צוליב צוויי טעמים:

ערשטנס, אין ארץ ישראל, אין די אַלע פריערדיקע יאָרן, איז דורך די פּאַרטייען און דורך איינצלנע פּערזאָנען, סיסטע־מאַטיש פאַרשפּרייט געוואָרן אַ שנאה צו יידיש, ווי צו אַ „פרעמדער שפּראַך". מיט שנאה צו יידיש איז דערצויגן גע־וואָרן כמעט די גאַנצע יוגנט פון ארץ ישראל.

דערנאָך איז יידיש אין מדינת ישראל, שוין דורך דער רעגירונג, דערקלערט געוואָרן ווי אַ „פרעמדע שפּראַך", און צוליב אָט דער „פרעמדקייט" אַליין שטייט דאָרט יידיש אויס אַלערליי עינויים.

דאָס איז איין סיבה פאַרוואָס דער „יידיש־קאָמיטעט" שטעלט דעם טראָפּ אויף דער לאַגע פון יידיש אין מדינת ישראל.

די צווייטע אורזאַך איז: ווען עס קומט צו די שוועריקייטן, מכשולים און פּיין, וואָס די יידישע שפּראַך שטייט אויס אין די תפוצות, זיינען אַלע יידיש־שאַפער און יידיש־פריינט, און אַלע יידיש־טוער איינשטימיק, אַז מען מוז קעגן די אַלע צרות קעמפן. אָבער ווי נאָר עס קומט אָנצואווייזן אויף דער באַליי־

דיקנדיקער און ביטערער לאַגע פון דער יידישער שפּראַך אין מדינת ישראל, — דאַן הויבט זיך אָן אַ טומעל, אַנטשטייט אַ בילבול המוחות; תוך כדי דיבור ווערן אַרום דעם אָנגעהויפּט אַ סך ניט־אמתן. עס קומען אַלערליי גרוסן־ברענגער, עס קומען שלוחים, הילף־זאַמלער, און דער גאַנצער ענין ווערט פאַרטונקלט, פאַרדרייט און פאַרפּלאָנטערט. נאָכמער, אַלע די, וואָס ווייזן אָן אויפן טרויעריקן אמת ווערן פאַרשריען אַלס שונאי־ציון, שונאי־ישראל און אַזוי ווייטער.

דעריבער האָט דער קאָמיטעט זיך געשטעלט די אויפגאַבע אַט דעם אָנגעווייטיקטן ענין עפנטלעך קלאָר צו מאַכן. דער קאָמיטעט קלייבט אַלע פאַקטן און וועט זיי באַזונדער פאַרעפנטלעכן. דאָס אַלץ גייט אין דער ליניע פון אויפקלערונג, אָפּהאַלטנדיק זיך דערביי פון יעדער מין אַגיטאַציע. זאָלן אַלע וויסן: ניט שנאה רופט אונדז צו דער אַרבעט נאָר — ליבשאַפט. די ליבשאַפט צו דער גרויסער יידיש־שאַפונג און ליבשאַפט צו דער פאָלקס־קולטור. פאַרקערט, דער קאָמיטעט קעמפט קעגן שנאה — די שנאה צו דער יידישער שפּראַך.

נאָך די אַלע טראַגישע טעג, וואָס מיר האָבן אַלע איבערגעלעבט, ווילן מיר קלאָר מאַכן און אַרויסברענגען דעם גרויסן היסטאָרישן און קעגנוואַרטיקן יחוס און נאַציאָנאַלע גרויסקייט פון דער יידישער שפּראַך.

דער קאָמיטעט איז אַזוי אַרום ניט סתם אַזוי „אַ שפּראַך־קאָמיטעט" און איז ניט קיין קאָמיטעט אויפצולעבן דעם אַלטן „ריב הלשונות". דער קאָמיטעט קעמפט פאַר חשיבות און פאַר רעכט! דער קאָמיטעט גייט אין זיין טעטיקייט אַרויס פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז דער גורל פון יידיש אין איין לאַנד איז געבונדן מיט דעם גורל פון יידיש אין אַנדערע לענדער. איינס ווירקט אויפן צווייטן.

אונדזער קאָמיטעט וויל דעריבער פאַרשפּרייטן אַ ברייטע אויפקלערונג. ער וויל אויך שאַפן ממשותדיקע הילף פאַר אַלע די, וואָס גרינדן פּאָזיציעס פאַר יידיש אין ישראל, אַרויסצורייסן יידיש פון דער אַרויפגעצוואונגענער פרעמדקייט און שפלות.

מיר האָפן, אַז אונדזער ווענדונג צו דער יידישער עפנטלעכקייט וועט פון אַלע, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דער יידישער שפּראַך, אויפגענומען ווערן מיט פאַרשטענדעניש און פריינטשאַפט.

קאָמיטעט פאַר די רעכט פון יידיש
אין ישראל

די ערשטע פאָלקס־פאַרזאַמלונג

דעם 21טן מאַי, 1951, איז אין פרידאָם־האוז, אויף דער איניציאַטיוו פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין נ"י, פאָרגעקומען אַ פּראָטעסט־מיטינג קעגן די רדיפות אויף יידיש אין ישראל. עס האָבן גערעדט: דר. י. שאַצקי, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, יעקב לעווין, ב. טאַבאַטשינ־סקי, ב. שעפנער, א. שולמאַן, דר. י. נ. שטיינבערג, ה. הימלפאַרב, צביון, ח. ש. קאַזדאַן (פאָרזיצער). ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ס'איז געווען אַ וואָכעדיקער טאָג און זייער אַ הייסער וועטער און די פאַרזאַמלונג איז גערופן געוואָרן אויף 6:30, — דאָס הייסט גלייך נאָך דער אַרבעט אין די שעפּער, — איז דער זאַל פון פרידאָם־הויז געווען איבערגעפולט. די שטימונג אין זאַל איז געווען אַן אָנגעגליטע, די רייד און לאָזונגען פון די רעדנערס זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט גרוים ענ־טוזיאַזם. חוץ אַן אַלגעמיינער רעזאָלוציע וואָס שאַצט אָפּ די לאַגע פון יידיש אין ישראל און איר ראָל אין די תפוצות ישראל און וואָס פאַראורטיילט די דיסקרי־מינאַציע קעגן יידיש אין ישראל, איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ פאָרשלאַג וועלכער רופט די רעדנערס און די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פאַרזאַמלונג צו שאַפן אַ שטענדיקן אַקציע־קאָמיטעט אויף אָנצופירן ווייטער דעם קאַמף פאַר יידיש.

אויף דער פאַרזאַמלונג איז אויך געקומען צום אויס־דרוק אַ מיינונג, אַז די ווייטערדיקע אַרבעט פון אַזאַ אַקציע־קאָמיטעט טאָר זיך ניט באַגרענעצן בלויז מיט פּראָטעסטן לגבי ישראל, ער דאַרף אויך פירן אַן אַקציע קעגן ה י ג ע ר גלייכגילטיקייט און פאַרנאַכלעסיקונג פון יידיש און קולטור־אַרבעט אויף יידיש. ער דאַרף וועקן און מונטערן די עקזיסטירנדיקע אָרגאַניזאַציעס, שאַפן אַ שטימונג פון אויפריכטיקער אידעאישער אַרבעט אין יידיש און אַרום יידיש.

די גרינדונגס־קאָנפֿערענץ פֿון „קאָמיטעט פֿאַר רעכט פֿון יידיש אין ישראל"

זונטיק, דעם 14-טן אָקטאָבער 1951, איז פֿאָרגעקומען אַ קאָנפֿערענץ פֿון אַ גרעסערער צאָל יידישע שרייבער און קול־טור־טוער, פֿאַררופֿן אויף דער איניציאַטיווע פֿון י. ביאַלאָסטאָצ־קי, ה. הימלפֿאַרב, ב. טאַבאַטשינסקי, יעקב לעווין, ה. פֿראַנק, ח.ש. קאַזדאַן, א. שולמאַן און י. ב. שטיינבערג.

פֿאָרזיצער פֿון דער קאָנפֿערענץ איז געווען ל. געלפֿאַר; סעקרעטאַרן — י. בלאַנק און יעקב לעווין.

די קאָנפֿערענץ איז פֿאַררופֿן געוואָרן מיטן צוועק צו שאַפֿן אַ פּערמאַנענטע אָרגאַניזאַציע פֿאַר די רעכט פֿון יידיש אין ישראל און פֿאַר שטיצן די יידיש־טעטיקייטן דאָרט אין לאַנד.

די קאָנפֿערענץ האָט אויסגעהערט באַריכטן וועגן דער גע־דריקטער לאַגע פֿון יידיש אין ישראל; וועגן דער אַטמאָספֿער פֿון גרינגשעצונג און שנאה צו יידיש מצד אַ טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג און מצד פֿאַרשיידענע רעגירונגס־אָרגאַנען אין לאַנד, אַן אַטמאָספֿער, וואָס נעמט אָפּ ביי הונדערטער טויזנטער יידן די מעגלעכקייט אויסצולעבן זיך גייסטיק אין יידיש, אין דער איינציקער שפּראַך, וואָס זיי פֿאַרשטייען און רעדן פֿריי; אַן אַטמאָספֿער, וואָס רופֿט אַרויס ביי די יידיש־רעדנדיקע און יידיש־שאַפֿנדיקע עלעמענטן אין ישראל אַ געפֿיל פֿון שרעק, וואָס לאָזט זיי ניט אָפֿן אַרויסטרעטן און פֿאָדערן זייערע איינ־פֿאַכע מענטשלעכע רעכט — פֿריי צו נוצן זייער לשון.

די קאָנפֿערענץ האָט אָנגענומען אַ צאָל פֿאָדערונגען צו דער ישראל־רעגירונג בנוגע יידיש אין ישראל און אויך באַ־שלוסן, ווי אַזוי צו העלפֿן די דאָרטיקע יידיש־רעדנדיקע און יידיש־שאַפֿנדיקע יידן. זי האָט באַשלאָסן צו שטעלן זיך אין פֿאַרבינדונג צוליב דעם מיט אַ צאָל פּערזאָנען און אינסטיטוציעס אין ישראל, וואָס טוען קולטור־אַרבעט אויף יידיש.

די קאָנפֿערענץ האָט אויך אַרומגערעדט די לאַגע פֿון יידיש ביי אונדז אין לאַנד, ווי אויך דעם פֿאַרמעסט פֿון דער יידישער אַגענטור צו העברעאיזירן די יידישע דערציאונג און דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע, אַ פֿאַרזוך וואָס קאָן אין לעצטן סך הכל אונטערגראָבן די סאַמע עקזיסטענץ פֿון די יידן, ווי אַ באַזונדערע קולטור־איינהייט; די קאָנפֿערענץ האָט באַשלאָסן אויפֿצוהייבן אַ באַוועגונג אויף אָפּצוהיטן די אינטערעסן און

דעם פרעסטיזש פון יידיש און צו באַקעמפן די אַנטי־יידישע פּאַרזוכן פון דער אַגענטור.

די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַ דעקלאַראַציע וועגן דעם גאַנצן ענין יידיש אין ישראל, און האָט נאָכדעם דערוויילט אַן עקזעקוטיווע, וואָס זאָל דורכפירן די באַשלוסן פון דער קאָנ־פערענץ און זאָל אויסברייטן די באַוועגונג לטובת יידיש אין ישראל.

אין דער עקזעקוטיווע זיינען אַריין: ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, י. בלאַנק, ה. געלערנט, ל. געלפּאַר, ב. טאַבאַטשינסקי, יעקב לעווין, מ. מאַנדלמאַן, דוד מייער, י. מלאָטעק, פ. סיגאַל, פ. סיטרין, ה. פראַנק, ח. ש. קאַזדאַן, א. שולמאַן און י. נ. שטיינ־בערג.

מיר ברענגען דאָ די רעזאָלוציעס, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן ביי דער קאָנפערענץ.

רעזאָלוציעס פון דער קאָנפערענץ

1. די קאָנפערענץ באַשטימט צו קאָנסטיטואירן זיך אין אַ שטענדיקער קערפערשאַפט אונטערן נאָמען:

קאָמיטעט פאַר רעכט פון יידיש אין ישראל

2. די קאָנפערענץ פאָדערט פון מדינת ישראל:

א) זי זאָל אויפהערן באַגרעניצן און פאַרפאָלגן יידיש אין ישראל אין וועלכער פאָרם דאָס זאָל ניט זיין;

ב) זי זאָל געבן יידיש וויניקסטנס די רעכט, וואָס אונ־דזער לשון האָט אין אַמעריקע און אין אַנדערע דעמאָקראַטישע לענדער: דאָס רעכט פריי צו רעדן די שפּראַך עפנטלעך; דאָס רעכט פריי צו דרוקן אויף יידיש און האָבן די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן טעגלעכע צייטונגען, פּונקט ווי אַלע אַנדערע אויסגאַבן; פריי צו שפּילן יידיש טעאַטער, פריי צו לערנען מיט קינדער אין שולן אויף דער יידישער שפּראַך.

ג) זי זאָל איינפירן אין די העברעאישע שולן אין לאַנד דעם לימוד פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

ד) זי זאָל שטיצן די קולטור־טעטיקייט אויף יידיש און די קולטור־אינסטיטוציעס פאַר יידיש אַזוי, ווי זי טוט דאָס מיט העברעאישע און אַראַבישע אינסטיטוציעס.

3. די קאָנפערענץ באַגריסט יענע יידן אין ישראל, וואָס ניט קוקנדיק אויף אַלע שוועריקייטן, האַלטן זיי דאָרט אויף די יידישע שפּראַך און די יידישע קולטור. די קאָנפערענץ רופט אָט די יידן, זיי זאָלן אויך אויף ווייטער אָנהאַלטן דאָרט און

אַנטוויקלען די יידישע קולטור אויף יידיש אויף אַלע געביטן און זיך שטעלן אַנטקעגן דער אונטערדריקונג פון יידיש אין ישראל, אין וועלכער פאָרם דאָס זאָל ניט זיין.

4. די קאָנפערענץ פאַרשפּרעכט אַלע די, וואָס האַלטן אויף די יידישע שפּראַך אין ישראל און שאַפן אויף איר, אַרויסצוהעלפן זיי אין זייערע טעטיקייטן אויף פאַרשיידענע געביטן פון דער יידישער קולטור מיט וואָס נאָר מעגלעך.

5. די קאָנפערענץ ווענדט זיך צו די יידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס און יחידים, וועמען דער יידישער לשון און די יידישע קולטור זיינען טייער, זיי זאָלן פון זייערע ביישטייערונגען פאַר דעם יוניטעד דזשואיש אַפּיל און פאַר ישראל בכלל אָראָפּנעמען אַ טייל געלט און דאָס אָפּגעבן צו שטיצן דירעקט די טעטיקייט פון די פאַרשיידענע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס אין ישראל.

6. די קאָנפערענץ באַשטימט אויפצופאָדערן די אַלע אָרגאַניזאַציעס און יחידים, וועמען די יידישע שפּראַך און קולטור זיינען טייער, זיי זאָלן העפטיק אַרויסטרעטן קעגן יעדן פאַרזוך פון די העברעאיסטן און אַסימילאַטאָרן דאָ אין לאַנד צו באַקעמפן און צו באַליידיקן יידיש.

7. די קאָנפערענץ באַשליסט צו באַקעמפן די אַרויסטרעטונגען פון פאַרטרעטער פון מדינת ישראל קעגן יידיש און באַזונדערס די פאַרזוכן פון דער יידישער אַגענטור אַרויסצושטויסן וואו נאָר מעגלעך די יידישע שפּראַך און צו פאַרהעברעאיזירן די יידישע דערציאונג און דאָס עפנטלעכע יידישע לעבן אין די לענדער, וואו יידן וואוינען.

8. די קאָנפערענץ פאָדערט אויף די עקזעקוטיווע, זי זאָל זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט יידן אין קאַנאַדע, אַרגענטינע, מעקסיקאַ, קובאַ, פראַנקרייך א.ד.גל. ווי אויך מיט אַ רייע שטעט אין די שטאַטן און באַוועגן זיי, זיי זאָלן אָרגאַניזירן ענלעכע קאָמיטעטן פאַר די רעכט פון יידיש אין ישראל.

9. די קאָנפערענץ פאָדערט אויף די עקזעקוטיווע צו פאַראינטערעסירן וואָס מער יידישע אָרגאַניזאַציעס, יוניאָנס אַריינגערעכנט, אין דער אַרבעט פונם קאָמיטעט.

דער קאָמיטעט ווענדט זיך דערמיט צו אַלע פריינט אין ניו יאָרק און צו די פריינט אין אַנדערע שטעט און לענדער — זיי זאָלן זיך אָנשליסן אָן דעם קאָמיטעט און העלפן אים אין דער אַרבעט, גרינדן ענלעכע קאָמיטעטן און קומען אין פאַרבינדונג מיט אונדז.

פאָלקס־פאַרזאַמלונג וועגן יידיש אין ישראל

דאָנערשטיק, דעם 3־טן יאַנואַר 1952, איז אין ניו־יאָרק אין זאַל פון „רענד סקול" אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן עפנטלעכע פאַרזאַמלונג פון „קאָמיטעט פאַר די רעכט פון יידיש אין ישראל". אַ גרעסערער עולם פון אַרבעטער, פאָלקס־מענטשן און אינטעלעקטואַלן איז געקומען צו דער פאַרזאַמלונג.

אַ צאָל יידישע שריפטשטעלער און קולטור־טוער האָבן באַהאַנדלט די פראַגע „יידיש אין ישראל און אויף דער גאַנצער וועלט". דער שריפטשטעלער און דיכטער ב. י. ביאַלאָסטאָצקי האָט אַרומגערעדט די לאַגע פון יידיש אין ישראל און האָט פאַרגעלייענט די דעקלאַראַציע וועגן יידיש, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון „קאָמיטעט פאַר יידיש אין ישראל". יעקב לעווין האָט אַרומגערעדט די צילן און אויפגאַבן פון קאָמיטעט און האָט צוגעזאָגט ממשותדיקע הילף די וואָס פירן אָן מיט יידישער קולטור־־אַרבעט אין ישראל. דר. עזריאל נאַקס, פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע אין ניו יאָרקער אוניווערזיטעט, האָט אַרומגערעדט די חשיבות פון יידיש און פון דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט באַטאָנט די הומאַני־טאַרישע אידייען וואָס זיינען אויסגעדריקט אין דער יידישער ליטעראַטור און דעם פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער פון דער יידי־שער שפּראַך. ער האָט געפאָדערט דרך ארץ פאַר יידיש, פאַר דער יידישער ליטעראַטור אומעטום, און בתוכם אין ישראל.

דער פּעדאַגאָג און שריפטשטעלער ח. ש. קאַזדאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער יידיש־קעגנערישער אַרבעט פון קולטור־דעפּאַרטמענט פון דער יידישער אַגענטור אין אַר־גענטינע, בראַזיל און אין אַנדערע דרום־און צענטראַל־אַמערי־קאַנישע לענדער. ער האָט געפאָדערט, אַז די יידישע אַגענטור זאָל זיך אויפהערן צו מישן אין דעם אינערלעכן לעבן פון די יידן אין די תפוצות.

דר. י. נ. שטיינבערג האָט אַנאַליזירט דוד בן־גוריונס בריוו צום יידישן קולטור־קאָנגרעס. ער האָט באַוויזן, אַז בן־גוריונס שטעלונג צו יידיש סיי אין ישראל סיי אויסער ישראל שטעלט אין געפאַר דעם יידישן קולטור־לעבן אומעטום.

דער באַקאַנטער אַרבעטער־רינג־טוער ל. געלפאַר איז געווען פאָרזיצער פון אָוונט און דורכגעפירט אַ געלט־זאַמלונג, וואָס האָט געגעבן אַן איבערראַשנד גוטן רעזולטאַט.

דעקלאַראַציע וועגן יידיש

— צו דער יידישער עפנטלעכקייט און צו מדינת ישראל

אין דער איצטיקער גורלדיקער שעה פון אונדזער פאָלקס-לעבן מוזן אַלע כוחות זיך זאַמלען אַרום דעם לאָזונג אויפצוהאַלטן די גאַנצקייט פון אונדזער פאָלק און ממשיך צו זיין אונדזער גרויסע פאָלקס-קולטור און פאָלקס-שאַפונג, וואָס האָט אין די לעצטע דורות, אין דער תקופה פון דעם מזרח-אייראָפּעאישן יידנטום, אויפגעהויבן און דערצויגן אונדזער גאַנץ פאָלק, און לוחות'דיק אויסגעקריצט פאַר אונדז נייע און באַניַיטע עטישע און מאָראַלישע ווערטן.

דער הויפּט-מעדיום, די כלי-ראשון, דורך וועלכער ס'האָבן זיך אין די לעצטע דורות אַנטפּלעקט די מאָדערנע פאָלקישע און נאַציאָנאַלע שאַפונגס-כוחות, איז געווען די יידישע שפּראַך. קעמפנדיק פאַר דער גאַנצקייט און המשך פון אונדזער לעבן, זאַמלען מיר זיך דעריבער אַרום דער יידישער שפּראַך, אויפצוהיטן איר חשיבות און אירע נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס.

שווערע נסיונות שטייט איצט אויס אונדזער יידישע קולטור און די יידישע שפּראַך. שווערע נסיונות, און אויך שווערע שטערונגען און שטרויכלונגען. צו דעם אַלטן אומגליק פון ביליקן קאַריעריזם, אָפּטריניקייט, פלאַכער אַסימילאַציע און גלייכגילט, זיינען אין אונדזערע טראַגישע טעג צוגעקומען נייע.

דער אומקום פון 6 מיליאָן פון אונדזערע ברידער און שוועסטער האָט צעשטערט אונדזערע פּראָוואָרצלטע פאָלקישע קולטור-רעזערוון און האָט אונדז אַלעמען אַריינגעוואָרפן אין טיפן טרויער.

אין אַזאַ טראַגישער עפּאָכע פון אונדזער לעבן ליגט אויף יעטווידן איינעם פון אונדז אַ הייליקער חוב אויפצוהיטן די ירושה פון די אומגעקומענע : **אָפּצוהיטן מאַמע-יידיש מיט וועמען מיליאָנען זיינען געגאַנגען צו די פייער-אויוונס, גאַז-קאַמערן און צו די ברידער-קברים.**

צו אונדזער גרויסן צער איז דאָס ניט אַזוי. דאָס איז

ניט אזוי, צום גרויסן טייל, אין די תפוצות ישראל, און דאס איז ניט אזוי אין דער אויפגעקומענער מדינת ישראל. ווארעם דווקא פון דער יידישער מדינה קומט, אין נאמען פון העברעאיזאציע, א שטראם, וואס איז פארדארבנדיק פאר יידיש און יידישער קולטור; דווקא פון מדינת ישראל קומט א כח, וואס העלפט אין די תפוצות גרעסער מאכן דעם קולטור־דעפעטיזם; קומט א כח, וואס מאכט שווערער די אפהענטיקייט און וואס פארשוועכט יידיש, אונדזער אייגן לעבן, און די ירושה פון מיליאנען אומ־געקומענע ברידער און שוועסטער!

מען דארף באנעמען, אז גרינגשעצונג און פאר־שוועכונג פון יידיש אין ישראל ווירקט זייער, זייער שווער אויף דער באציאונג צו יידיש מחוץ פון מדינת ישראל, ווירקט זייער שווער אין דעם יידישן לעבן פון די אמעריקעס און אנדערע לענדער. **די באציאונג צו יידיש אין ישראל קען דעריבער ניט אפגעטיילט ווערן פון דעם גורל פון יידיש אין אלע יידישע ישובים.**

אין אזא ערנסטער שעה ווענדן מיר זיך דעריבער צו די יידן פון ישראל און צו דער רעגירונג פון ישראל און זאגן:

ישראל טאר ניט אין נאמען פון גאולה, טאר ניט אין נאמען פון איינוואנדערונג און נאציאנאלן לאנד־בוי פאר־מיאוסן און דערנידעריקן אונדזער פאלקס־שפראך און אונדזער פאלקס־קולטור!

מיר דערקלערן און זאגן: עס טאר ניט אין נאמען פון „גזע יעקב" דערצויגן ווערן א דור מיט גרינגשעצונג צו די יידישע מאסן אויסער מדינת ישראל, מיט גרינגשעצונג צו יידן, ווי צו א וועלט־פאלק. עס טאר ניט איינגעפלאנצט ווערן קיין ביטול און קיין שנאה צו יידיש. מיר פאדערן דרך־ארץ פאר דער יידישער שפראך און יידישער פאלקס־קולטור, וואס איז געווען דער גורם פון אונדזערע סאציאלע, נאציאנאלע און קינסטלערישע אויפ־שוואונגען אין די לעצטע דורות; דרך־ארץ פאר יידיש, דער שפראך פון אונדזער פאלקס־רענעסאנס פון די לעצטע יארהונדערטער; דרך־ארץ פאר דער יידישער פאלקס־קולטור, וואס איז געשאפן געווארן דורך טיפע גייסטיקע ראנגלענישן, דורך מארטירערטום, דורך העלדישקייט, דורך קדוש השם און קדוש העם; דרך־ארץ פאר דער יידישער פאלקס־קולטור, וואס איז געשאפן געווארן דורך

העלע און גרויסע וויזיעס, דורך וואונדערלעכע מענטש־און פאָלק־חזיונות!

אין ליכט פון דעם אַלעמען ווענדן מיר זיך צו מדינת ישראל און פאָדערן אַז די אַלערליי ישראל־שלוחים, די אַמבאַסאַדאָרס, באַנד־פאַרשפּרייטער, און אַגיטאַטאָרס, זאָלן אַרומפאָרנדיק אין די תפוצות ניט פאַרשטויסן און פאַרשוועכן יידיש אין נאָמען פון העברעאיזאַציע. מיר זאָגן: מען טאָר במזיד ניט אונטערגראָבן דעם יידיש־פונדאַמענט, וואָס איז אויך היינט, ווי פריער, אַזאַ גרויסער נאַציאָנאַלער, שעפערישער כח אין אַלע יידישע ישובים אין די פאַרשידענע לענדער איבער דער וועלט; יידיש, וואָס פאַרבינדט ייד מיט ייד, איין צענטער מיט אַ צווייטן און איין ישוב מיט אַן אַנדערן.

מיר פאָדערן פון מדינת ישראל, אַז די יידישע שפּראַך זאָל דאָרט אַרויסגענומען ווערן פון דעם גדר פון פרעמד־שפּראַכן און פון דעם „זאַק פון דיאַלעקטן", אין וועלכער זי, אונדזער שפּראַך, ווערט באַליידיקנדיק אַריינגעוואָרפן. יידיש איז ניט פאַר אונדז ניט טערקיש, און ניט אַל־זשיריש, און ניט אַראַביש. יידיש איז יידיש!

די יידישע שפּראַך איז ניט קיין אומפּרוכטבאַרער דיאַלעקט, מיט וועלכן יידן האָבן זיך דאָ און דאָרט צייט־ווייליק באַנוצט אין געוויסע צייט־אָפּשניטן פון פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער. יידיש איז די אַנטפּלעקונג פון יידישן פאָלקס־געניוס און טראָגט מיט זיך און אין זיך די ירושה פון דורות; יידיש איז דורך אירע שאַפונגען געקניפּט און געבונדן מיט דער גאַנצער יידישער געשיכטע. די יידישע שפּראַך מוז געשטעלט און געהאַלטן ווערן אויף דעם הויכן פעדעסטאַל אויף וועלכן די קולטור־געשיכטע פון אונדזער פאָלק האָט זי אַוועקגעשטעלט.

מיר פאָדערן פולע רעכט פאַר יידיש אין מדינת ישראל, וואו ס'געפינען זיך איצט אַ פיר־פינף הונדערט טויזנט יידן, וואָס יידיש איז זייער לשון, זייער טראַכטונג, זייער איבערלעבונג און נשמה־אויסדרוק.

מיר פאָדערן די אָפּשאַפונג פון די באַגרענעצונגען און דיסקרימינאַציע בנוגע יידיש. מיר פאָדערן חשיבות פאַר יידיש אין דעם עפנטלעכן לעבן פון מדינת ישראל. עס דאַרפן דערלויבט ווערן טעגלעכע צייטונגען אויף יידיש; יידיש טעאַטער; שולן מיט יידיש אַלס אונטער־ריכטס־שפּראַך, און עס דאַרף איינגעפירט ווערן די

יידישע שפּראַך און ליטעראַטור אַלס לימודים אין די העברעאישע שולן. יידיש, ביי דער זייט פון העברעאיש, זאָל אָפּן דערלויבט ווערן אין געריכט, פאָלקס-הויז, פאָלק-פאַרזאַמלונג — אומעטום!

אין דער צייט, וואָס מיר ווענדן זיך מיט אַט די פאָדערונגען צו מדינת ישראל, רופן מיר אויך די יידן פון הי, פון אַמעריקע, און פון דער גאַנצער וועלט, מיר רופן די יידישע פאָלקס-אָרגאַניזאַציעס און אַרבעטער-קערפּערשאַפטן, ניט צו דערלאָזן, אַז יידיש און די יידישע קולטור-שאַפונג זאָל פאַרשוועכט און פאַרשטויסן ווערן צוליב קאַריעריזם, צוליב פלאַכער אַסימילאַציע, צוליב פּאָליטיק און צוליב שלעכט-פאַרשטאַנענעם אַמעריקאַניזם. די פּאָזיציעס פון יידיש דאָ, אין די אַמעריקעס, ווי אין אַנדערע לענדער, מוזן געשטאַרקט און דערהויבן ווערן!

באַטראַכטנדיק אַלץ, וואָס איז מיט יידיש געשען אין דער לעצטער צייט, ווילן מיר אויך ברענגען צום אויסדרוק אונדזער טיפן צער — צער געמישט מיט פּראָטעסט —אויף דעם, וואָס יידיש און די יידישע קולטור ווערט אַזוי ברוטאַל אָפּגעווישט און ליקווידירט אין סאָוועטן-פאַרבאַנד. די פאַרשווינדונג און, ווי עס שיינט, די פולע ליקווידאַציע פון אַ גאַנצער פלעיאַדע יידישע שרייבער אין סאָוועטן-פאַרבאַנד איז אַ גרויסע, גרויסע נאַציאָנאַלע טראַגעדיע פאַר אונדז.

מיר באַגריסן די בויער און שאַפער פון יידיש, וואו זיי זאָלן זיך ניט געפינען; מיר באַגריסן אַלע די, וואָס גייענדיק אין די היסטאָרישע פוסטריט פון אונדזער פאָלקס-לעבן קעמפן זיי פאַר דער גאַנצקייט פון אונדזער פאָלק און פאַר דעם המשך פון אונדזער פאָלקס-קולטור; פאַר אונדזערע גרויסע אידייעס און פאַר אונדזערע עטישע און מאָראַלישע ווערטן! מיר באַגריסן אַלע די יעניקע, וואָס בויען פּאָזיציעס פאַר יידיש אין מדינת ישראל און זוכן צו שאַפן אַ נאַטירלעכע בריק צווישן היינט און נעכטן, ווי אויך צווישן ישראל און די תפוצות.

אין ליכט פון די גורל׳דיקע און טראַגישע פּאַסירונגען פון דער לעצטער תקופה און אין נאָמען פון אונדזער פאָלקס-עקזיסטענץ, וואָס ראַנגלט זיך אומעטום פאַר אַנהאַלט און המשך, רופן מיר אַלעמען אויפסניי זיך צו זאַמלען אַרום דעם עמוד האש, אַרום דעם פייער-זייל פון אונדזער קיום! ניט חורבן און ניט לאַנד-בוי, קיין זאַך

טאָר ניט איבעררײַסן די לעבנס-שנור פון אונדזער פאָלקס-קולטור; קיין זאַך טאָר ניט אָפּטײַטן יידיש און אַלע ווערטן, וואָס זײַנען מיט דעם פאַרבונדן. וואָרעם יידיש איז ניט נאָר שפּראַך, יידיש איז מער פון שפּראַך! יידיש איז אַ באַגריף, אַן אידייע — די אידייע פון קאָנטינואַי-טעט, פון ירושה, פון פאָלקס-דעמאָקראַטיע, די אידייע פון פאָלקס-שײַנקייט, פאָלקס-חכמה, די אידייע פון פאָלקס-שאַפונג.

ברידער און שוועסטער, פאַרשטייסט נישט מאַמע-יידיש! יידיש, נאָך אַלע טראַגישע און בלוטיקע חורבן-טעג, האָט נאָך אַלץ גאָר אַ סך וואָס צו געבן פאַר דער שטאַרקונג און פאַר דער טרייסט פון אונדזער לעבן! דער יידיש-קוואַל איז ניט אויסגעשעפּט! יידיש טראָגט מיט זיך גרויסע האָפֿנונגען, גרויסע באַפרייאונגס-וויזיעס; יידיש פאַרמאָגט גרויסע נאַציאָנאַלע כוחות; אַרום יידיש און אין יידיש ווירקן און שאַפן גרויסע שריפטשטעלער, פּאָעטן און פובליציסטן; לערער און פאָרשער; מיט יידיש איז דאָ אַ גרויסע יידישע פּרעסע, טעאַטער, בוך-פאַרלאַגן, קינדער-שולן, ביבליאָטעקן און אַנדערע אינ-סטיטוציעס; מיט יידיש זינגט דער אַלט-נײַער יידישער ניגון; מיט יידיש ווערט אונדזער קיום אין פאַרשידענע לענדער פול און אַרומגערינגלט מיט אַלץ נײַע און נײַע גרויסע קינסטלערישע געשטאַלטן. ברידער, לאָמיר אַליין בידיים ניט פאַרשיטן אונדזער לעבנס-קוואַל! לאָמיר ניט פאַרשווענקן אונדזער טײַערע ירושה!

יידיש-בויער אומעטום, בויט ווייטער! בויט בעסער, העכער, גרעסער!

יידיש-שרײַבער און יידישע פאָלקס-מענטשן אויף דער ערד פון מדינת-ישראל! וואַרפט אַראָפּ פון זיך די אַרויפגעצוואונגענע שפלות, וואַרפט אַראָפּ פון זיך שרעק און מורא, באַקעמפט טעראָר, סײַ אינדיווידועלן און סײַ געזעלשאַפטלעכן! רופט, מאָנט, אָרגאַניזירט זיך, פּראָטעסטירט און בויט ווײַטער. מיר דאָ זײַנען מיט אײַך, אונדזער האַנט איז אויסגעשטרעקט צו אײַך אין ברידער-לעכקייט און נאָענטקייט.

לעבן זאָל אונדזער נאַציאָנאַלער המשך! לעבן זאָל די גאַנצקייט פון אונדזער אומה! לעבן זאָל אונדזער פאָלקס-געניוס! לעבן זאָל די יידישע שפּראַך!

קאָמיטעט פאַר רעכט פון יידיש
אין ישראל

איך בין מסכּים מיט די פּרינציפּן פון דער דעקלאַ־
ראַציע פונעם „קאָמיטעט פאַר די רעכט פון יידיש אין
ישראל” — און גיב מיין אונטערשריפט דערצו.

נאָמען	פאַמיליע	אַדרעס

שרייבט אַליין אונטער און זאַמלט אונטערשריפטן
צווישן אייערע באַקאַנטע!

טראָגט אַליין צו אייערביישטייער צו דער געלט־
אַקציע פונעם קאָמיטעט און זאַמלט געלט צווישן אייערע
פריינד!

טשעקס אויסשרייבן אויפן נאָמען פון קאָמיטעט:

Committee for Rights of Yiddish in Israel